**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/4/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

# גאווערנער האוקול אנאנסירט איינהאלטונג פון נאפאנאק פוינט ווילדפייער ביי מינעוואסקא סטעיט פארק

***מולטי-אגענטור באמיאונג דורך סטעיט, ארטיגע, ׳נעשענעל גאַרד׳, און קוועבעק צוזאמארבעטער האלטן איין פייער נאך אכט טעג פון סכנות׳דיגע אומשטענדן***

***א קלענערע קראפט פון סטעיט און ארטיגע פייערלעשער אנגעפירט דורך סטעיט וואלד רעינדזשערס וועלן ווייטער באאבאכטן פארק פאר סיי וואספארא סימן פון פייערס אזוי ווי פייער קאנטראל באמיאונגען גייען ווייטער אן***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז נאך אכט טעג פון איינהאלטונג באמיאונגען אויף נאפאנאק פוינט ווילדלענד פייער אין מינעוואסקא סטעיט פארק פרעזערוו איז דער פייער איצט איינגעהאלטן. דער סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג וואלד רעינדזשערס פירן דעם אינצידענט אפרוף אין קאאפעראציע מיט׳ן אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג, דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס, ניו יארק סטעיט פאליציי, אולסטער קאונטי און פילע אנדערע סטעיט און ארטיגע צוזאמארבעטער. אפרוף שריטן אין דעם געגנט וועלן זיך ווייטער ציען אין די קומענדע טעג מיט א קלענערע קראפט פון סטעיט און ארטיגע מומחים אזוי ווי פייער קאנטראל באמיאונגען ציען זיך אויף ווייטער. פריער דעם וואך האט דער גאווערנער ארויסגעשטעלט נאך סטעיט אייגנשאפטן אריינגערעכנט פערסאנאל און ארמיי ׳נעשענעל גאַרד׳ UH-60 ׳בלעק-האָוק׳ העליקאפטערס. צוואנציג פייערלעשער פון קוועבעק זענען אנגעקומען אין ניו יארק אום דאנערשטאג צו שטיצן דעם אפרוף. איבער 200 פייערלעשער, בולדאָזער אפערירער, פילאטן און אנדערע פראפעסיאנעלע שטאב מיטגלידער און וואלונטירער ארבעטן איינצוהאלטן דעם פייער שוין א גאנצער וואך.

״דורכאויס דעם פארלאפענעם וואך, זענען פייערלעשער מאנשאפטן און שטאב מיטגלידער פון סטעיט, ארטיגע אגענטורן און דער פראווינץ פון קוועבעק ארויסגעשטעלט געווארן צו באקעמפן דעם מינעוואסקא סטעיט פארק פרעזערוו ווילדפייער און היינט האבן זיי געזען הצלחה אין פולשטענדיג איינהאלטן דעם פייער,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״מיר האבן גענומען געשווינדע שריטן, איינגעפירט א קאארדינירטע אפרוף און געווידמעט יעדע רעסורס מעגליך צו העלפן די ערשטע רעספאָנדערס אויספירן זייער אויפגאבע. איך דאנק זיי אלע פאר זייער שווערע ארבעט, פארברענגנדיג די צייט ווייט פון זייערע פאמיליעס און ארבעטן אומערמידליך יעדן טאג צו האלטן ניו יארקער אפגעהיטן.״

דער נאפאנאק פוינט פייער אין מינעוואסקא סטעיט פארק פרעזערוו האט זיך אנגעהויבן אום שבת, אויגוסט 27, אלס רעזולטאט פון א פארדעכטיגטע בליץ און זיך פארשפרייט צו אומגעפער 142 עיקערס אינערהאלב דעם פארק. די רעגן וואס מיר האבן באקומען איבערנאכט דינסטאג האט געהאלפן צוריקהאלטן פייער פארשפרייטונג און ערמעגליכט פייערלעשער צו בויען קאנטראל ליניעס. ביז

דאנערשטאג נאכט, איז דער פייער געווען 40 פראצענט איינגעהאלטן דורך יענע קאנטראל ליניעס און ביז פרייטאג-צו-נאכטס איז דער פייער געווען 75 פראצענט איינגעהאלטן. דער נאפאנאק פוינט פייער איז 60 פראצענט קאנטראלירט און די דגוש אין די קומענדע טעג וועט זיין צו אדרעסירן די ערטער פון היץ אויף צו ערדייכן פולקאמע קאנטראל. רעגן אנקומענדיג היינט נאכט איז ערווארטעט ארויסצוהעלפן די אנגייענדע אפרוף שריטן, און רויך און היץ קען ווייטער אנהאלטן בשעת פייער קאנטראל באמיאונגען ווערן פאראויס-געברענגט. צוויי אנדערע דערנעבנדע פייערס ווערן אדרעסירט פאריגע וואך אלס טייל פון דעם שאוואנגונק פייער קאמפלעקס, סטאני קיל און ווארטסבארא, זענען אויך גענצליך איינגעצוימט.

מינעוואסקא סטעיט פארק פרעזערוו וועט זיך צוריק אויפעפענען אום מיטוואך, סעפטעמבער 7. געוויסע ערטער פון דעם פרעזערוו וועלן בלייבן פארשלאסן אויף אן אומבאשטימטער צייט בשעת עס ווערט אויסגעפירט ארבעט אויף צו פאררעכטן די ווירקונגען צום פארק-שטח פון די פייער-ברוכן, פארקלענערן אפשווענקונג און צוריקהאלטן דאס אריינברענגען אומגעוואונשענע זגאלן. די פאלגענדע טרעילס בלייבן פארשלאסן:

- סמיילי קערעדזש ראוד פון עלענוויל צו לעיק אוואסטינג
- היי-פוינט קערעדזש ראָוד
- ׳בערי פיקער׳ פיס וועגל
- ׳מיין האָול׳ פיס וועגל

זינט די פייערס האבן זיך אנגעהויבן איז א פאראייניגטע באמיאונג פון סטעיט און ארטיגע רעסאָרסן געמאכט געווארן אויפ׳ן ארט אין פרובירן צו איינהאלטן די פייערס. פייערלעשער ארבעטן אין א געמיינזאמע פאראייניגטע קאמאנד אנגעפירט דורך סטעיט ווואלד רעינדזשערס. וואלד רעינדזשערס האבן באדייטנדע ערפארונג אין אינצידענט קאמאנד און פייער איינהאלטונג סטראטעגיעס צוליב ברייטע טרענירונג און קאאפעראטיווע ווײלדלענד פייער-קעמפן מיסיעס צו אנדערע סטעיטס. נאך מולטי-אגענטור רעסאָרסן רעכענען אריין ניו יארק סטעיט פאליציי אוויאציע, וואס האט צוגעשטעלט צוויי העליקאפטערס און פיר פילאטן יעדן טאג, אראפלאזנדיג אומגעפער 400 עמפער וואסער זינט ווען דער פייער האט זיך אנגעהויבן. יעדע פון די צוויי ארמיי ׳נעשענעל גאַרד׳ ׳בלעק-האָוק׳ העליקאפטער האבן אראפגעשיט 12 עמפער וואסער יעדער שטונדע, פאר א סך הכל פון 129,000 גאלאן עמפערן. די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס האט אויך ארויסגעשיקט דער סטעיט׳ס אינצידענט פארוואלטונג מאנשאפט און עטליכע עמערדזשענסי קאמוניקאציעס מומחים צוצושטעלן ווייטערדיגע שטיצע. דער סטעיט אפיס פון פייער פארמיידן און קאנטראל האט אקטיווירט דער סטעיט׳ס פייער מאביליזאציע און מיטגעטיילטע הילף פלאן און פייער אפעראציעס צענטער צו פארזיכערן די צייטליכע קאארדינאציע פון נאך רעסאָרסן.

צוואנציג פייער-קעמפער פון קוועבעק, קאנאדע, געשאפן דורך דעם צפון-מזרח וואלד פייער באשיצונג אפמאך, זענען אנגעקומען דאנערשטאג. דער אפמאך, אוועקגעשטעלט אין די 1940׳ער יארן, שטעלט צו די מיטלען פאר אירע מיטגלידער סטעיטס און פראווינצן זיך צו קענען ספראווען מיט פייערס וואס קענען גיין ווייטער פון די פעאיגקייטן פון אן איינציגע מיטגליד דורך אינפארמאציע, טעכנאלאגיע און רעסאָרס מיטטיילונג (מיטגעטיילטע הילף) אקטיוויטעטן.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמיסיאנער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״די איינהאלטונג איז גרויסע נייעס פאר מינעוואסקא און ארומיגע קאמיוניטיס און איך דאנק DEC׳ס וואלד רעינדזשערס און די הונדערטער אנדערע עמערדזשענסי אפרופער וועלכע האבן געארבעט טאג איין טאג אויס צו ערפאלגרייך באקעמפן דעם פייער. זייער ארבעט וועט אנהאלטן ווייטער ביז דער פייער איז פולקאם אויסגעלאשן, און מיר וועלן ווייטער בלייבן וואכזאם אין דער הודסאן וואלי און

איבער׳ן סטעיט אפצוהאלטן ווײלדפייערס. מיר בעטן דעם פובליק צו טון זייער חלק און נאכפאלגן די באווארענונגען פאר זיכערע פייער באניץ דעם סעזאן.״

**ניו יארק סטעיט פארקס קאמיסיאנער עריק קולעסייד האט געזאגט,** ״דער גרייכפונקט איז גאר גוטע נייעס פאר אלע וועלכע האבן ליב מינעוואסקא סטעיט פארק פרעזערוו. איך בין דאנקבאר צו אונזער סטעיט פארק שטאב און אלע אונזערע סטעיט און ארטיגע צוזאמארבעטער וועלכע האבן אזוי שווער געארבעט דורכאויס דעם פארלאפענעם וואך צו באשיצן אלץ וואס מינעוואסקא האט אנצובאטן.״

**ניו יארק סטעיט היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמיסיאנערין דזשעקי ברעי האט געזאגט,** ״א דאנק אונזער סטעיט און ארטיגע אגענטור פערסאנאל אויפ׳ן ארט אין אולסטער קאונטי דעם פארלאפענעם וואך פאר׳ן ארבעטן אלע אינאיינעם, אינאיינעם מיט אונזערע צוזאמארבעטער פון קוועבעק, איינצוהאלטן דעם פייער בעפאר עס פארשפרייט זיך ווייטער. דער אפרוף איז ערמעגליכט געווארן צוליב גאווערנער האקול׳ס פירערשאפט און די צוזאממארבעטשאפטן וואס מיר האבן אין פלאץ אויף צו האלטן ניו יארקער באשיצט פון שעדיגונג.״

**ניו יארק סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט קעווין פ. ברוען האט געזאגט,** ״צוליב די אומערמידליכע באמיאונגען פון אלע צוזאמארבעטער, זענען די ווײלדפייערס איצט איינגעצוימט. איך וויל אויסלויבן די מענער און פרויען אויפ׳ן ארט און אין די לופטן וועלכע האבן געטון די שווערע ארבעט פון ברענגען די פייערס אונטער קאנטראל.״

**מעידזשאר דזשענעראל רעימאנד שיעלדס, דער אדזשוטאנט גענעראל פאר ניו יארק, האט געזאגט,** ״אונזערע סאלדאטן און לופטקראפט-לייט פרייען זיך צו האבן געשפילט א ראלע, אינאיינעם מיט אנדערע סטעיט אגענטורן, אין ברענגען דעם פייער אונטער קאנטראל.״

**אולסטער קאונטי עקזעקיוטיוו פעטריק קעי. רייען האט געזאגט,** ״גאווערנער האקול איז דא געווען מיט אונז דורך אן אייז שטורעם, עלעקטרישע קראפט אויסלעשונגען, טארנעדא און ווײלדפייער, און דאס איז בלויז אין דעם לעצטן יאר אין אולסטער קאונטי. כאטש וואס עס איז באזארגנד אז מיר האבן געהאט אזויפיל שוידערליכע נאטורליכע דיזעסטערס אין דעם פארלאפענעם יאר, בין איך שטאלץ איבער וויאזוי אונזער קאמיוניטי איז אויף א כסדר׳דיגן אופן זיך צוזאמגעקומען צו העלפן איינער דעם אנדערן.״

ניו יארק׳ס הודסאן וואלי און קעטסקיל ראיאנען בלייבן אויף א הויכע פייער סכנה ריזיקע (זעט דעם איצטיגן פייער סכנה מאפע), וואס באדייט אז דרויסנדיגע פייערס האבן די פאטענציעל זיך גיך צו פארשפרייטן, איבערהויפט אויב עס הייבט זיך די ווינט. פייערס קענען ווערן ערנסט און שווער צו קאנטראלירן, אויסער אויב ערפאלגרייך איינגעהאלטן ביים זיין קליין.

אלע קעמפ-פייערס און אפענע פארברענונגען זענען צו דער איצטיגער צייט פארבאטן אין מיטל-הודסאן ראיאן סטעיט פארקס. באזוכט parks.ny.gov פאר מער אינפארמאציע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418